Publié par l’Association pour l’Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנער

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 5, נומער 3 (23)

אָדר א׳ תש״ס/פֿעברואַר 2000

## נײַעס פֿאַר אָנהייבערס

דאָס נײַע יאָר אין פֿראַנקרײַך האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גוואַלדיקן[1] שטורעם[2]. דער ווינט האָט גענומען בלאָזן[3] פּונקט אין מיטן פֿון די ניטל[4]־וואַקאַציעס. ער האָט אָפּגעריסן[5] דעכער[6], אַרויסגעריסן[7] ביימער, אַנידערגעוואָרפֿן[8] עלעקטריע־ און טעלעפֿאָן־סלופּעס[9]. אַ סך מענטשן זענען געבליבן צוויי וואָכן לאַנג אָן עלעקטריע, אין דער פֿינצטער[10] און אין דער קעלט. נישטאָ מער קיין טעלעפֿאָן, קיין צענטראַל־הייצונג[11], קיין טעלעוויזיע, קיין מיקראָכוואַ־ליעס־אויוון[12], קיין וואַשמאַשין.



אַ חורבֿן לאַנדשאַפֿט

מע האָט אינטערוויוִירט אַן עלטערע פֿרוי וואָס האָט געוואַשן וועש[13] בײַם טײַך[14] אין אַ שטיינערנעם וואַשבעקן[15]. זי האָט געזאָגט צום זשורנאַליסט : „מע האָט אונדז אַזוי פֿיל דערציילט וועגן דעם יאָר 2000 און עס הייבט זיך אָן ווי דאָס יאָר 1900 !“

איין מעלה[16] : צוליב[17] די אַלע שטורעם־פּראָבלעמען האָט מען פֿאַרגעסן אין דעם „באָג 2000“[18]. די קאָמפּיוטערס האָבן אויך פֿאַרגעסן און האָבן זיך גוט אויפֿגעפֿירט[19]. איין מעשׂה[20] האָט אָבער יאָ פּאַסירט : אַ תּלמיד פֿון די ייִדיש־קורסן האָט דערציילט וועגן זײַנעם אַ פֿרײַנד וואָס וווינט אין ירושלים[21] און וואָס איז לעצטנס[22] אַלט געוואָרן 104 יאָר. באַלד נאָך זײַן געבוירן־טאָג[23] האָט ער געקראָגן אַ בריוו פֿון דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע (געשריבן אַוודאי[24] פֿון אַ קאָמפּיוטער) וואָס זאָגט אַז ער מעג זיך איצט פֿאַרשרײַבן[25] אין קינדער־גאָרטן[26]... נו, קיין גרעסערע פּראָבלעמען זאָלן מיר פֿון דער קאָמפּיוטעריַי נישט האָבן !

1. terrible ; 2. tempête/storm ; 3. souffler/blow ; 4. Noël/Christmas ; 5. arraché/blew off ; 6. toits/roofs *sing.* דער דאַך 7. déraciné/tore out ; 8. abattu/knocked down ; 9. poteaux/poles ; 10. obscurité/dark ; 11. chauffage central/central heating ; 12. four à micro-ondes/micro-wave oven ; 13. faisait la lessive/doing the washing ; 14. rivière/river ; 15. lavoir/wash-house ; 16. MAYLE avantage/advantage ; 17. “bogue 2000”/”bug Y2K” ; 18. à cause de/ ; 19. bien comportés/behaved well ; 20. MAYSE histoire/story ; 21. YERUSHOLAIM Jérusalem ; 22. récemment/recently ; 23. anniversaire/birthday ; 24. AVADE surement/certainly ; 25. s’inscrire/enroll ; 26. école maternelle/kindergarten.



## נײַעס פֿון מאָסקווע

פֿאַרגאַנגענעם דעצעמבער איז צו אונדז אָנגעקומען פּלוצלינג פֿון דער העלער הויט[1] אַ שטימע פֿון דער ווײַטן, בעסער געזאָגט אַ בליצפּאָסט־מעלדונג[2] פֿון מאָסקווע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי :

*„שלום עליכם טײַערע חבֿרים !*

*מיר זענען צופֿרידן אײַך צו מעלדן אַז אײַער צײַטונג לייענט מען דאָ אין רוסלאַנד מיט הנאה,[3] און פֿאַרגעניגן. (...) לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן. מיר זענען די פֿאָרזיצער[4] פֿון אַ נײַעם ייִדיש־צענטער וואָס אַרבעט אונטערן דאַך פֿון מאָסקווער סטודענטישן פֿאַרבאַנד הלל[5]. מיר הייסן מיטיאַ און יורי און מיר זענען ביידע סטודענטן אין אוניווערסיטעט. מיר האָבן געשאַפֿן דעם צענטער פֿאַר די וואָס זענען פֿאַראינטערעסירט מיטן ווידערגעבורט, מיטן אויפֿשטײַג פֿון אונדזער שפּראַך ... און אַזוינע מענטשן האָבן זיך טאַקע געפֿונען – צו אונדז קומען שוין פֿון צען ביז פֿופֿצן ייִנגלעך און מיידלעך...“*

אַ דאַנק דעם וווּנדערלעכן מיטל פֿון בליצפּאָסט האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט מיט מיטיאַן און יורין און זיי האָבן אונדז געגעבן מער פּרטים[6] וועגן זייערע טעטיקייטן[7] און אַפֿילו צוגעשיקט פֿאָטאָגראַפֿיעס. ביידע יונגע־לײַט זענען געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע און זענען אויפֿגעוואָקסן נישט רעדנדיק און אַפֿילו נישט הערנדיק קיין ייִדיש. זיי האָבן ביידע שטודירט אויפֿן ייִדיש־סעמינאַר אין קיִעוו אין זומער 1999 און דאָס האָט זיי געגעבן דעם געדאַנק צו שאַפֿן אין מאָסקווע דעם ייִדיש־צענטער :

*„אויף ראָש־השנה[8] האָט הלל אָרגאַניזירט אַ קאָלאָסאַלע פֿײַערונג פֿאַר טויזנטער ייִדישע סטודענטן אין האָטעל רעדיסאָן. מע האָט אונדז געגעבן דאָס וואָרט און מיר זענען אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער בינע און האָבן אָנגעהויבן רעדן ייִדיש, איבערזעצנדיק איינער דעם אַנדערן און האָבן דערציילט וועגן אונדזער צענטער. עס איז אפֿשר געווען דאָס ערשטע מאָל אַז עס האָט געקלונגען ייִדיש אינעם דאָזיקן לוקסוסדיקן זאַל. (...) בײַם סוף פֿון אונדזער רעדע האָבן מיר געזאָגט : „מיר לאַדן אײַך אײַן אויף אונדזער ערשטער באַגעגעניש דעם 16טן סעפּטעמבער, 19 אַ זייגער.“ דער טאָג פֿון 16טן סעפּטעמבער, הייסט עס, איז אונדזער געבוירן־טאָג.“*

זייער פּראָגראַם באַשטייט ערשטנס אין לערנען ייִדיש. וויבאַלד זיי האָבן נישט געפֿונען קיין פּאַסיקע[9] לערנביכער האָבן זיי אָנגעהויבן צו

(סוף זײַט 3)

1. אויסדרוק:פּלוצלינג 2. message e-mail/e-mail message 3. *hanoe*: plaisir/pleasure 4. présidents/chairmen ; 5. Hillel : association internationale d’étudiants juifs/international Jewish students’ association 6. *protim*: détails/details 7. אַקטיוויטעטן 8. *rosheshone* 9. convenable/suitable

# אַ נײַער ראָמאַן פֿון
# ראָבערט באָבער

ראָבערט באָבער איז געבוירן געוואָרן אין בערלין אין 1931 און אָנגעקומען אין פּאַריז אין 1933. ער איז מערסטנס באַקאַנט ווי אַ רעזשיסאָר פֿון דאָקומענטאַר־פֿילמען. אין 1980 האָט ער געדרייט פֿאַר דער טעלעוויזיע, צוזאַמען מיטן שרײַבער זשאָרזש פּערעק, דעם באַרימטן פֿילם *דערציילונגען פֿון עליס אײַלאַנד* [1], וואָס איז שפּעטער אַרויס אין בוכפֿאָרעם. זײַן ערשט בוך *וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה?* [2] (1993) באַשרײַבט דאָס לעבן פֿון ייִדן אין פֿראַנקרײַך אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה דורך די שמועסן אין אַ פּאַריזער קליידער־וואַרשטאַט[3].

**בערג און בעק[4]**

אין *בערג און בעק* (1999) שפּילט זיך אָפּ די מעשׂה אין 1952, אין אַ ייִדישער קינדערהיים ווו דער הויפּטהעלד יוסף בערג אַרבעט ווי אַ דערציִער[5]. די פּאַסירונגען אין דער קינדערהיים זענען דורכגעפֿלאָכטן[6] מיט בערגס דערמאָנונגען וועגן זײַן דעפּאָרטירטן שול־חבֿר אַנרי בעק. בערג האָט איבערגעלעבט, בעק נישט. און מיט אַ מאָל הייבט בערג אָן צו שרײַבן בעקן בריוו, בריוו וואָס ער קען אַוודאי נישט שיקן נאָר וואָס גיבן אים אַן אײַנדרוק[7] אַז זײַן חבֿר איז נאָך דאָ.

ווען בערג הייבט אָן צו אַרבעטן אין דער קינדערהיים אינעם שלאָס[8] פֿון אַנדרעזי טרעפֿט ער קינדער, וואָס האָבן פֿאַרלוירן די עלטערן אין דער מלחמה. זיי זענען נאָך אויפֿגעטרייסלט[9] פֿון זייערע איבערלעבונגען און די דערציִערס טוען אַלץ זיי צו פֿאַרגרינגערן[10] די ליידן. צום בײַשפּיל, ווען מילענאַ צעוויינט זיך, פּראָבירט יוסף זי אײַנצונעמען[11] מיט אַ פּליטע[12] פֿון זײַן באַליבטער דזשעזמוזיק.

די אַלע קינדער האָבן אַזוי ווייניק געלעבט אין אַ משפּחה, אַז נאָענטע באַציִונגען קומען זיי אָן[13] שווער. אַנדרע האָט אַ פֿעטער וואָס וויל אים נעמען צו זיך, נאָר דאָס ייִנגל קען זיך ניט צופּאַסן צו דער נײַער היים און דער פֿעטער ברענגט אים צוריק אין אַנדרעזי. אַלעקס האָט אַן עלטערן ברודער, וואָס ער קען זיך אויף אים פֿאַרלאָזן[14], אָבער ער ווייס נישט ווי אַזוי מיט אים צו רעדן. לאָראַ בענקט אַזוי שטאַרק נאָך איר מאַמען, אַז זי צייכנט קנייטשן[15] אויף איר ליאַלקעס פּנים, זי זאָל אויסזען ווי די מאַמע.

**פֿאַרן עולם**

ווען ראָבערט באָבער האָט פֿאָרגעשטעלט זײַן בוך אינעם „פֿאַראיין קינדער פֿון געוועזענע ייִדישע קאָמבאַטאַנטן"[16] זענען דאָרטן געווען אַ סך מענטשן וואָס האָבן אַ מאָל געלעבט אין די קינדערהיימען. דאָס בוך האָט זיי אַוודאי גערירט און זיי דערמאָנט אין זייערע קינדער־יאָרן, אָבער אַ טייל פֿון זיי האָבן געזאָגט אַז זייערע דערציִערס זײַנען ניט געווען אַזוי איבערגעגעבן[17] ווי יוסף בערג. אין דער אמתן איז דאָס לעבן דאָרט געווען זייער שווער. פֿונדעסטוועגן, האָבן אַנדערע באַמערקט אַז זיי זענען מקנא[18] געווען די קינדער פֿון די קינדערהיימען ווײַל זייער אייגן לעבן, מיט אַ פֿאַרוויינטער מאַמען אַן אַלמנה[19], איז געווען גאָר טרויעריק. עטלעכע האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן געפֿילט אין די קינדערהיימען אַ שטאַרקע ברידערשאַפֿט וואָס זיי האָבן שוין מער נישט געפֿונען אין דער דרויסנדיקער וועלט. עטלעכע האָבן צוגעגעבן אַז זיי, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אָן טאַטע־מאַמע, אָן אַ משפּחה, האָבן שפּעטער געהאַט גרויסע שוועריקייטן אויפֿצובויען אַן אייגענע פֿאַמיליע.



ראָבער באָבער

1. Récits d'Ellis Island
2. Quoi de neuf sur la guerre ?
3. atelier de couture/"shop" (small clothing manufacturer
4. Berg et Beck
5. moniteur, éducateur/child care worker ;
6. entremêlés/interwoven
7. impression
8. château/Château d'Andrésy, old mansion in which the Home is situated
9. choqués, meurtris/upset, disturbed
10. atténuer/ease
12. disque/record
13. אָנקומען עמעצן שווער être difficile pour qqu/ be hard for s.o.
14. compter sur/rely on
15. rides/lines, wrinkles
16. Union des anciens combattants juifs/ a French association of Jewish War Veterans
17. dévoué/devoted
18. MEKANE... envié/envied
19. ALMONE veuve/widow
20. rare
21. KhURBM Shoah
22. destin/fate
23. honorable, "noble"
24. דעפּאָרטירט
25. "Tour de France" French bicycle race.

# אַ פֿערטל שעה מיט ראָבערט באָבער



אין קינדערהיים אַנדרעזי לעבן פּאַריז

**דעם 16טן יאַנואַר 2000 האָט ראָבערט באָבער געגעבן אַן אינטערוויו ספּעציעל**

***פֿ אַרן ייִדישן טעם־טעם***

**בערג און בעק איז איינס פֿון די געציילטע[20] ביכער אין פֿראַנקרײַך וועגן די קינדער וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן[21]. פֿאַר וואָס האָט מען אַזוי ווייניק געשריבן אויף דער טעמע ?**

די דאָזיקע קינדער זענען געווען די פֿאַרגעסענע פֿון דער געשיכטע. מע האָט גערעדט וועגן די דעפּאָרטירטע אַליין, אָבער נישט וועגן זייערע קינדער. זיי האָבן זיך געפֿילט פֿאַרלוירן, זיי האָבן זיך ווי געשעמט – בעסער צו זײַן קינדער פֿון דערשאָסענע סאָלדאַטן, צום בײַשפּיל. דאָס געפֿיל אַז זייער גורל[22] איז נישט גענוג בכּבֿודיק[23] איז אויך געקומען פֿון די אַנדערע. די געשטאַלט פֿונעם קעמפֿער (איבערהויפּט אין פּאַלעסטינע און שפּעטער אין ישׂראל) האָט נישט געלאָזט קיין פּלאַץ פֿאַר זייער פּײַן. איך האָב זיך באַקענט מיט די קינדער ווען איך האָב געאַרבעט ווי אַ דערציִער אין אַ קינדערהיים.

**איז די געשיכטע אַן אויטאָביאָגראַפֿישע ?**

אַ גרויסע טייל – יאָ. איך האָב געוווינט אין דעם געגנט וואָס איך באַשרײַב אין בוך, איך האָב געהאַט אַ חבֿר בעק וואָס מע האָט אים פֿאַרשיקט[24]. די אַלע געשיכטעס פֿונעם בוך האָב איך אָדער אַליין איבערגעלעבט אָדער מע האָט זיי מיר דערציילט. די ערטער זענען אמתע. ביז הײַנט צו טאָג טרעף איך זיך נאָך מיט די דאָזיקע קינדער, וואָס זענען איצט באָבעס און זיידעס !

**האָבן די דערציִערס אַזוי גוט און אַזוי גיך פֿאַרשטאַנען די קינדער ווי אין אײַער בוך ?**

ס'איז נישט אַלע מאָל געווען אַזוי גרינג. מע האָט געדאַרפֿט זוכן און זיך אויסלערנען אַלץ וואָס וואָלט געקענט העלפֿן די קינדער. איך פֿלעג רעדן וועגן דעם וואָס איך האָב ליב געהאַט (דזשעז, „טור דע פֿראַנס[25]“, פֿילמען ווי די מיט די מאַרקס בראָדערס...) כּדי אַרײַנצופֿירן דאָס דרויסנדיקע לעבן אין זייער וועלט.

**אין אײַער ערשט בוך *וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה?* איז דאָ אַ ייִנגל זשאָרזש. איז דאָס זשאָרזש פּערעק ?**

איך האָב זיך באַקענט מיט פּערעקן ערשט אין די זיבעציקער יאָרן. ער איז קיין מאָל נישט געווען אין אַ קינדערהיים. מיט אָט דעם העלד זשאָרזש האָב איך געוואָלט מיר פֿאָרשטעלן וואָס וואָלט געקענט זײַן פּערעק אַלס קינד אין אַ קינדערהיים.

**וואָס זענען אײַערע פֿאַרבינדונגען מיט ייִדיש ?**

איך רעד „אַ פֿאַרבראָכענעם ייִדיש[26]“ ! מײַן טאַטע איז געקומען פֿון פּוילן קיין בערלין, ווו ער האָט באַגעגנט מײַן מאַמע. זי האָט גערעדט דײַטש, ער ייִדיש, און איך האָב געענטפֿערט אויף פֿראַנצייזיש, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין קינדער־גאָרטן. אין אָנהייב האָב איך אַלץ פֿאַרשטאַנען, נישט ווויסנדיק וועלכע שפּראַך דאָס איז. שפּעטער האָב איך געהערט רעדן ייִדיש ווען איך האָב געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן. אין מײַנע ביכער האָב איך ניט געוואָלט קאַריקאַטורירן דעם ייִדישן אַקצענט, נאָר בעסער צו לאָזן הערן די מוזיק פֿון ייִדיש דורך דער פֿראַנצייזישער שפּראַך. דאָס קען מען, פֿאַרשטייט זיך, בעסער שפּירן[27] אין *וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה ?* ווײַל דאָ רעדן די דערוואַקסענע וואָס ייִדיש איז זייער מאַמע־לשון און דאָס קומט פֿאָר גלײַך נאָך דער מלחמה. אין *בערג און בעק* זענען די העלדן מייניסטנס קינדער און יונגע־לײַט, געבוירענע שוין אין פֿראַנקרײַך. דערפֿאַר הערט מען ווייניקער די מוזיק פֿון ייִדיש אין זייער לשון.



1. אויסדרוק:פּלוצלינג 2. message e-mail/e-mail message 3. *hanoe*: plaisir/pleasure 4. présidents/chairmen 5. Hillel: association internationale d'étudiants juifs/international Jewish students' association 6. *protim*: détails/details 7. אַקטיוויטעטן 8. *rosheshone* 9. convenable/suitable 10. dépassé/old fashioned 11. *rov*: rabbin/rabbi 12. *kehile*: communautée/community 13. département/department 14. *mistome*: probablement/probably 15. *nesie*: voyage/trip, journey 16. dans le monde totalement inexploré/in this completely unexplored world

(סוף פֿון זײַט 1)

שרײַבן אַליין אַ לערנבוך, ניצנדיק, צווישן אַנדערע, דאָס בוך פֿון פּראָפֿ' שימעון סאַנדלער, „ייִדיש : לערנבוך פֿאַר אויסלערנען זיך ייִדיש זעלבשטענדיק“ (1989, מאָסקווע), דאָס איינציקע לערנבוך וואָס עקסיסטירט הײַנט אויף רוסיש. מיטיאַ און יורי אַרבעטן אויך אויף אַ קליין ווערטערביכל פֿאַר זייערע סטודענטן, ווײַל די ווערטערביכער וואָס זענען פֿאַראַן זענען שוין פֿאַרעלטערט[10] און ניצן סאָוועטישע פֿאָנעטישע אָרטאָגראַפֿיע פֿאַר די העברעיִשע ווערטער. אַ חוץ דעם, זינגען זיי אויף ייִדיש, לייענען צוזאַמען ייִדישע ביכער און פֿאַרבעטן פֿאַרשיידענע געסט, ייִדיש־רעדנדיקע אָדער פֿאַרבונדענע מיט קולטור אויף ייִדיש. לעצטנס איז צו זיי געקומען דער רבֿ[11] דוד ווײַס פֿון ישׂראל, דער זון פֿונעם הויפּט רבֿ פֿון דער בראַטיסלאַווער קהילה[12] פֿאַר דער מלחמה. ער האָט גערעדט ייִדיש און זיי האָבן איבערגעזעצט אויף רוסיש פֿאַר די וואָס האָבן נאָר אָנגעהויבן זיך צו לערנען מאַמע־לשון. דער ייִדיש־צענטער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דעם קהילה־פֿעסטיוואַל פֿון ייִדישן בוך אין מאָסקווע, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין נאָוועמבער.

אין מאָסקווע אין אַלגעמיין איז דער הלל ייִדיש־צענטער די ערשטע אָרגאַניזאַציע וואָס איר ציל איז צוצוציִען יונגע מענטשן צו ייִדיש. עס איז יאָ פֿאַראַן אַ ייִדיש־קלוב אָבער ער פֿאַראייניקט בלויז אַ קליינע צאָל עלטערע מענטשן. די ייִדישע שפּראַך לערנט מען ערנסט נאָר אין איין אוניווערסיטעט. דער פֿאָרזיצער פֿון דער ייִדיש־קאַטעדרע[13] איז פּראָפֿ' סאַנדלער. קיין צײַטונג אויף ייִדיש איז הײַנט אין מאָסקווע נישטאָ. דערפֿאַר טראַכטן די חבֿרים וועגן אַרויסגעבן אַ צײַטונג, מסתּמא[14] אַ צוויי־שפּראַכיקע, וואָס זאָל זײַן :

*„טיף און לעבעדיק, און זאָל באַווײַזן די מאָסקווער יונגע (און ניט יונגע) ייִדן (און ניט ייִדן) ווי שיין און וווּנדערלעך איז די ייִדיש־קולטור, און ווי טאַקע הײַנט קען די נסיעה,[15] אין אָט דער אין גאַנצן ניט־אויסגעפֿאָרשטער וועלט[16] זײַן גוואַלדיק אינטערעסאַנט.“*

10. dépassé/old fashioned 11. *rov* : rabbin/rabbi 12. *kehile* : communauté/community 13. département/department 14. *mistome* : probablement/probably 15. *nesie* : voyage/trip, journey 16. dans le monde totalement inexploré/in this completely unexplored world.

# דודל

**די דאָזיקע מעשׂה האָט אונדז צוגעשיקט סימאָן ווײַסמאַן, אַ לייענערין פֿון נאַנסי (פֿראַנקרײַך). דעד סעקסט איז גאַנץ צוגעפּסס צו אָנהייבערס און אויך צו די וואָס ווילן זיך אויסלערנען וועגן דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבן.**

## דער קליינער דודל[1]

1<< ; 1. DOVIDL ; 2.tiroir/drawer; 3. soldats/soldiers ; 4. fusil/rifle ; 5.GEKhIDESHT etonné/astonished ; 6. KOYDEM d'abord/first ; 7. en peu de mots/ in a few words ; 8. SEYVER PONEM YOFES מיט גוטשאַפּט: אַזוי דאַרף אַ פרומער ייִד אַלעמען אַנטקעגנקומען: ; 9. retroussé/rolled up ; 10. manche/sleeve ;11. ... TFILN mettre les phylactères/put on phylacteries ; 12. ShKhEYNIM voisins/neighbors ; 13. BIKhLAL en général/in general; 14. GABE administrateur/administrator; 15. KOVED honneur/honor ; 16. KEHILE communauté/community ; 17. האָבן אין זין avoir dans l' idée/to have in mind 18. PARNOSE gagne-pain/a living ; 19. אַ מענטש וואָס פֿאַרקויפֿט פֿון הויז צו הויז; 20. Metz ; 21. KOYNIM clients/customers ; 22. *expression* à crédit/on credit ; 23. KOLERLEY toutes sortes/all kinds ; 24. SKhOYRES marchandises/goods ; 25. BITL un peu méprisant/with some contempt ; 26. ... ASOKIM occupations profanes/worldly dealings ; 27.matone cadeau/present ; 28.shekheyonu bénédiction récitée quand on déguste un fruit pour la première fois de l' année/blessing on tasting a new fruit (for the first time in the year) 29. qui va de soi/self-evident ; 30.emune foi/faith ; 31.mitsves : préceptes religieux/religious precepts 32. mekayem... toyre expression: accomplir les préceptes de la Thora/ fulfill the precepts of the Torah ; 33.devoir/duty ; 34.hanoe plaisir/pleasure ; 35.kolzman: tant que/as long as ; 36. moyde ani:אַ תּפֿילה וואָס מע זאָגט ווען מע וואַכט אויף אין דער פֿרי ; 37.KRISHME: lecture du Shéma (profession de foi fondamentale du judaïsme) au coucher/reading of the Shema before sleeping ; 38.שול ; 39.sider livre de prières/ prayer book ; 40. ...nakhes expression: frémir de plaisir/to beam with delight ; 41. melamed enseignant/teacher ; 42.... toyve rendre service/do a favor; 43.moyde... avouer/admit ; 44. khoyzek se moquer/make fun of ; 45. hashpoe influence ; 46.tsionistke: sioniste (féminin)/female zionist ; 47.ivrit hébreu moderne/modern Hebrew ;48. lekoved en honneur de/in honor of ; 49. kholem rêve/dream

אַ מאָל האָב איך בײַ אונדז אין דער היים געפֿונען אין אַ שופֿלאָד[2] אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון מײַן פֿאָטער, דעמאָלט אַ יונגער־מאַן פֿון אַ יאָר צוואַנציק, צווישן אַ גרופּע זעלנערס[3] און מיט אַ ביקס[4] אין די הענט. כ'האָב זיך געחידושט[5] קודם[6] פֿון דעם וואָס מײַן פֿאָטער איז אַ מאָל געווען יונג, און דערנאָך פֿון דעם וואָס ער איז אַ מאָל געווען אַ זעלנער. ער האָט מיר דערקלערט מיט געציילטע ווערטער[7] און מיט אַ שמייכעלע אַז מע האָט אים געהאַט אַרײַנגענומען אין פֿראַנץ־יאָזעפֿס אַרמיי אָבער אַז מיט דער דאָזיקער ביקס האָט ער קיין איין שאָס נישט געטאָן.

ניין, מײַן פֿאָטער איז נישט געווען קיין העלד, נאָר אַ ייִד אַ קליינער, אַן איידעלער, מיט בלאָנדע וואָנצעלעך, העלע בלויע אויגן וואָס האָבן געקוקט אויף יעדן איינעם מיט „סבֿר פּנים יפֿות[8]", מיט אַ בלייכער, דינער הויט וואָס מע האָט געקענט זען ווען ער האָט פֿאַרקאַטשעט[9] דעם אַרבל[10] כּדי צו לייגן תּפֿילין[11].

אַלע אונדזערע שכנים[12] און באַקאַנטע האָבן אים גערופֿן „דער קליינער דודל".

אויף זײַנע פּאַפּירן האָב איך געזען אַז מײַן פֿאָטער איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן אָבער אָפֿט מאָל האָב איך געהערט ווי ער זאָגט אַז ער איז אַ „גאַליציאַנער". גיי פֿאַרשטיי... פֿון פּוילן, פֿון רוסלאַנד האָב איך געהערט אין דער שולע, אָבער וואָס הייסט אַז דער טאַטע איז אַ גאַליציאַנער ? ער האָט דאָס געזאָגט




מיט אַזאַ שמייכעלע וואָס האָט באַטײַט, דאַכט זיך מיר, אַז ער איז נישט שטאָלץ דערפֿון.

בכלל[13] איז דער קליינער דודל נישט געווען קיין שטאָלצער. עטלעכע יאָר איז ער געווען דער גבאי[14] פֿון אונדזער שול אָבער האָט אויפֿגעגעבן אָט דעם כּבֿוד[15], ווײַל ער האָט נישט ליב געהאַט זיך אַרײַנצומישן אין די קריגערײַען פֿון דער קהילה.[16]

אין זין[17] האָט ער געהאַט צוויי זאַכן : דינען דעם אייבערשטן און זאָרגן פֿאַר פּרנסה[18], עס זאָל אונדז גאָרנישט אויספֿעלן.

ער איז געווען אַ „הויזירער[19]", דאָס הייסט אַז ער איז אַרומגעפֿאָרן איבער די קליינע שטעט אַרום מעץ[20], דאָרט וווּ ס'האָבן געוווינט זײַנע קונים[21], מיינסטנס פּאָלאַקן. ער האָט זיי פֿאַרקויפֿט „אויף קוויטלעך[22]" אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט : שטאָף, קליידער, כּלערליי[23] סחורות[24] – „שמאַטעס", פֿלעגט ער זאָגן מיט עפּעס אַ מין ביטול[25] פֿאַר זײַנע וועלטלעכע עסקים[26].

טייל מאָל ווען ער איז אַהיימגעקומען פֿון דער אַרבעט, האָט ער מיר געברענגט אַ מתּנה[27]. נישט קיין צאַצקע, פֿון דעם האָט מען נישט געוווּסט אין דער היים, נאָר אַ מאָל אַ שניצל לאַקס(??), אַ מאָל ווײַנטרויבן, אַ מאָל ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די זומערטעג, האָט ער זיך געפֿרייט אויסצוקלײַבן און אַהיימצוברענגען די ערשטע שיינע פּרוכטן אויף וועלכע צו מאַכן שהחיינו[28].

מײַן טאַטנס פֿרומקייט איז געווען אַ זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכע[29]. ער האָט נישט גערעדט וועגן זײַן אמונה[30]. צי דאַרף מען דערקלערן פֿאַר וואָס מען אָטעמט ? ער האָט אָפּגעהיט די מיצוות[31] ווײַל ער איז געבוירן געוואָרן דערצו, מקיים צו זײַן די תּורה[32]. דאָס איז געווען זײַן שטענדיקע פֿליכט[33] און זײַן הנאה[34].

כּל־זמן[35] איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידל האָט ער געזאָגט מיט מיר „מודה אַני[36]" אין דער פֿרי און קריאת־שמע[37] בײַ נאַכט. אָפֿט האָט ער מיך מיטגענומען מיט זיך אין קלויז[38] אַרײַן. דאָרט האָט ער מיך געשטעלט אויף אַ בענקל איך זאָל דערגרייכן צום סידור[39] און דאַווענען צוזאַמען מיט אים. דעמאָלט האָבן מיר ביידע געקוואָלן פֿון נחת[40].

איין מאָל האָט מײַן פֿאָטער באַשטעלט אַ מלמד[41], ער זאָל מיר לערנען לייענען ייִדיש. מײַן טאַטע האָט געוואָלט טאָן אַ טובֿה[42] דעם אָרעמאַן, אָבער איך האָב דאָס נישט פֿאַרשטאַנען. דעמאָלט בין איך שוין געווען אַ מויד פֿון אַ יאָר צען און איך מוז איצט מודה[43] זײַן אַז איך האָב געמאַכט חוזק[44] פֿון דעם אָרעמען מלמד. צו וואָס טויג מיר ייִדיש, האָב איך זיך געטראַכט. מײַן עלטערע שוועסטער האָט געהאַט אויף מיר אַ שטאַרקע השפּעה[45], האָב איך זי נאָכגעמאַכט און בין געוואָרן אַ שטיקל ציוניסטקע[46] וואָס האָט בלויז געהאַלטן פֿון „עבֿרית[47]".

און איצט, אין מײַנע עלטערע יאָרן, האָב איך זיך גענומען זיך לערנען ייִדיש לכּבֿוד[48] מײַן פֿאָטער וואָס האָט נישט גערעדט קיין אַנדערע שפּראַך.

אַ מאָל, נאָך מײַן פֿאָטערס טויט, האָב איך אים געזען אין חלום[49]: אַ קליין מענטשל וואָס גייט זיך זײַן וועג ; ער האָט זיך אומגעקערט צו מיר און געזאָגט צוויי ווערטער, „איך לעב".


מעדעם־ביבליאָטעק
BIBLIOTHÈQUE MEDEM
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr



AEDCY
DER YIDISHER TAMTAM
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03